Charter Revision Commission

# מעלדונג וועגן אַ זיצונג
# עפֿנטלעכע עצות זיצונגען איבער דער גאַנצער שטאָט

**צייַטן און פלעצער:**

**דינסטיק דעם 4טן מערץ, 2025, פֿון 5 נאָכמיטאָג ביז 8 אין אָוונט**
פֿאָרדהאַם אוניווערסיטעט (Fordham University)
McShane Campus Center, Great Hall (3rd Floor)
441 East Fordham Road
Bronx, NY 10458

**מיטוואָך דעם 9טן אַפריל, 2025, פֿון 5 נאָכמיטאָג ביז 8 אין אָוונט**
אוניווערסיטעט שפּיטאָל פֿון סטאַטן אײַלאַנד, צפֿון (Staten Island University Hospital North)
Dr. Regina McGinn Education Center) אַרייַנקומען דורך דעם)
475 Seaview Avenue
Staten Island, NY 10305

**מיטוואָך דעם 23טן אַפריל, 2025, פֿון 5 נאָכמיטאָג ביז 8 אין אָוונט**
יורישול פֿון ניו יאָרק (New York Law School)
185 West Broadway
New York, NY 10013

**ווירטועל פלאַץ** זענען זי פֿאַרבינדונג צו דער זום זיצונג אויף www.nyc.gov/charter

**מעלדונג וועגן עפֿנטלעכע עצות זיצונגען**

די קאָמיסיע פֿאַר רעוויזיע פֿון טשאַרטער פֿון דער שטאָט ניו יאָרק ("CRC") וועט דורכפֿירן עפֿנטלעכע עצות זיצונגען אין אַלע פֿינף באָראָס כדי צו דיסקוטירן פֿאָרגעשלאָגענע ענדערונגען פֿון טשאַרטער פֿון דער שטאָט ניו יאָרק. דער CRC איז באַמעכטיקט צו באַטראַכטן רעוויזיעס פֿון טשאַרטער כדי זיי פֿאָרצושטעלן פֿאַר די וויילערס אין די אַלגעמיינע וואַלן דעם 4טן נאָוועמבער 2025, אָדער אויף אַן אַנדערער באַשטימטער וואַלן דאַטע לויט געזעץ.

**<u>וועגן וואָס זיינען די עפֿנטלעכע עצות זיצונגען?</u>**

דער טשאַרטער איז די סטרוקטור פֿון דער שטאָט רעגירונג און שטעלט אויס די עיקרדיקע מאַכטן פֿון די אויסגעקליבענע פֿונקציאָנערן און שטאָט אַמטן. נאָך אַ רעוויזיע פֿון דעם גאַנצן טשאַרטער מעג דער CRC רעקאָמענדירן ענדערונגען וועמענס ציל איז העלפֿן דער שטאָט רעגירונג אַרבעטן מער עפֿעקטיוו און בעסער באַדינען אַלע ניו יאָרקער.

קהל איז אײַנגעלאַדן צו הערן פֿון מומחים, עדות געבן וועגן יעדער עניין וואָס איז וויכטיק פֿאַר דער שטאָט רעגירונג און פֿאָרשלאָגן ענדערונגען אין טשאַרטער. כדי מער צו וויסן וועגן דער קאָמיסיע פאַר דער רעוויזיע פֿון דעם טשאַרטער פֿון דער שטאָט ניו יאָרק, באַזוכט אונדזער וועב אָרט: www.nyc.gov/charter.

**ווער מעג געבן עצות?**

**די דאָזיקע זיצונגן זייַנען אָפֿן פֿאַר קהל, וועלכער וועט האָבן די געלעגנהייַט עדות צו געבן פֿאַר די מיטגלידער פֿון CRC.** יעדער איינער פֿון קהל מעג עדות געבן וועגן זייַנע אידעעס ווי אַזוי פֿאַרבעסערן דעם שטאָט טשאַרטער במשך ביז דרייַ (3) מינוטן. דער CRC וועט אויסהערן עדות פֿון וועמען עס קומט פערזענלעך צו דער זיצונג און פֿון וועמען עס בייַזייַט דורך זום. דער CRC וועט אויסהערן עדות פֿון וועמען עס קומט פערזענלעך איידער מען וועט אויסהערן וועמען עס וועט בייַזייַן דורך זום. אַ גרופּע, אָרגאַניזאַציע אָדער אינסטיטוציע וואָס וויל עדות געבן וועט אויסקלייַבן אַן איינציקן באַשטימטן רעפּרעזענטאַנט. עס מעגן עדות געבן ניו יאָרקער פֿון יעדן איינעם פֿון די פֿינף באָראָס. דער CRC וועט פּרווון באַפֿרידן יעדן איינעם וואָס פֿאַרשרייַבט זיך צו רעדן בייַ דער זיצונג, אָבער אויב די צייַט דערלויבט ניט אויסצוהערן אַלע עדות, באַמוטיקט מען קהל עדות צו געבן בייַ אַנדערע געלעגנהייַטן, אייַנשליסלעך ווייַטערדיקע עפֿנטלעכע עצות זיצונגען פֿון CRC אָדער צושטעלנדיק שריפֿטלעכע עדות צו CharterTestimony@citycharter.nyc.gov.

**ווי אַזוי זאָל איך צושטעלן שריפֿטלעכע עדות?**

קהל מעג צושטעלן שריפֿטלעכע עדות צו CharterTestimony@citycharter.nyc.gov אַנשטאָט אָדער אַ חוץ פערזעלעך עדות געבן אויף אַן אויסהער.

**ווען און וווּ זייַנען די אויסהערן?**

די אויסהערן זייַנען אָפֿן פֿאַר קהל, און מען קען בייַזייַן אַלע זיצונגען ווירטועל דורך דער זום פֿאַרבינדונג אויף www.nyc.gov/charter, אויף די פֿאָלגנדע דאַטעס, שעהן און פלעצער:

**דינסטיק דעם 4טן מערץ, 2025, פֿון 5 נאָכמיטאָג ביז 8 אין אָוונט**
פֿאָרדהאַם אוניווערסיטעט (Fordham University)
McShane Campus Center, Great Hall (3rd Floor)
441 East Fordham Road
Bronx, NY 10458
*אויב איר קומט מיט דעם אויטאָבוס, סאַבוויי אָדער מעטראָנאָרס (MetroNorth), קומט אַרייַן דורך דעם טויער אויף East Fordham Road*
*אויב איר קומט מיט אַן אויטאָ, פֿאָרט אַרייַן דורך דעם טויער אויף Southern Boulevard און Third Avenue.*
אינסטרוקציעס אָנצוקומען: https://www.fordham.edu/about/maps-and-directions/directions-to-rose-hill/

**מיטוואָך דעם 9טן אַפּריל, 2025, פֿון 5 נאָכמיטאָג ביז 8 אין אָוונט**
אוניווערסיטעט שפּיטאָל פֿון סטאַטן אײַלאַנד, צפֿון (Staten Island University Hospital North)
(אַרייַנקומען דורך דעם טויער Dr. Regina McGinn Education Center)
475 Seaview Avenue
Staten Island, NY 10305

**מיטוואָך דעם 23טן אַפּריל, 2025,  פֿון 5 נאָכמיטאָג ביז 8 אין אָוונט**

יורישול פֿון ניו יאָרק (New York Law School)

185 West Broadway

New York, NY 10013

קהל מעג גלייַכצייַטיק אָנטיילנעמען אין דער זיצונג דורך דער זום פֿאַרבינדונג אויף www.nyc.gov/charter .

**<u>און אויב איך דאַרף הילף כדי צו באַאָבאַכטן די זיצונג אָדער געבן אויף איר עדות?</u>**

מען וועט צושטעלן פֿאַרטייַטשונג אויף אַמעריקאַנער שטים-לשון און שפּאַניש סײַ דורך אינטערנעט ווי אויפֿן אָרט. מיר בעטן אײַך צו פֿאַרלאַנגען איבערזעצונג און/אָדער אַנדערע צוטרעטונג בקשות מינימום 48 שעה איידער עס הייבט זיך אָן די זיצונג אויף וועלכער איר ווילט זייַן. שיקט אַ בליץ-בריוו אויף CharterInfo@citycharter.nyc.gov אָדער רופֿט אָן 212-788-0014 און לאָזט אַ גערעדנטן אָנזאָג. מען וועט באַפֿרידיקן אַלע פֿאַרלאַנגען אויף וויפֿל עס איז מעגליך.